בעזהשי"ת

## קוּנְטְרֵס

# אִידִישׁ נַחַת

דֶער קוּנְטְרֵס לֶערְנְט אוֹיס וִוי אַזוֹי מְחַנֵךְ צוּ זַיין קִינְדֶער אוֹיפְ'ן רִיכְטִיגְן וֶועג אַז זֵיי זָאלְן מַצְלִיחַ זַיין אִין זֵייעֶר לֶעבְּן בְּרוּחְנִיוּת וּבְגַשְׁמִיוּת אוּן מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ זֶען פוּן זֵיי אַסַאךְ אִידִישׁ נַחַת

אִיבֶּערְגֶעזֶעצְט אוֹיף אִידִישׁ פוּנֶעם קוּנְטְרֵס "חִנוּךְ מֻצְלָח" פוּן הָרַב הַגָּאוֹן הַצַדִיק, עַמוּד הָאֱמוּנָה, וָואס בְּרֶענְגְט אַרַיין דִי הֵיילִיגֶע אוּן רֵיינֶע אֱמוּנָה אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט

## כְּבוֹד קְדוּשַׁת מָרָן מוֹהֲרָא"שׁ זי"ע

גֶעבּוֹיעֶט אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּין, אֲדוֹנֵנוּ, מוֹרֵינוּ וְרַבֵּינוּ
**רַבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ**

אוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן זַיין תַּלְמִיד, מוֹרֵינוּ הַגָּאוֹן הַקָדוֹשׁ
**רַבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ**

אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן בעזהש"ת
דוּרְךְ חֲסִידֵי בְּרֶסְלֶב - ווִילְיַאמְסְבּוּרְג

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**4801 11th Ave,**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**מאנסי**
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**

נדפס ע"י
**קרן הדפסה**
**היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

**צו הערן די**
**הערליכע שיעורים**
**פונעם ראש ישיבה שליט"א**
**רופט:**

קול ברסלב
**212.444.9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**
**212.444.9169**

# אִידִישׁ נַחַת

## א

אִידִישׁ נַחַת – אִיז אַ מַתָּנָה צוּ וָואס יֶעדֶע טַאטֶע אוּן מַאמֶע שְׁטְרֶעבְּט אוּן הָאפְּט. עֶלְטֶערְן שְׁטְרֶענְגֶען זִיךְ אָן פַאר דִי קִינְדֶער, זֵיי גֶעבְּן זִיךְ אָפּ מִיט דִי קִינְדֶער, מִיטְ׳ן צִיל אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן אוֹיפְגֶעוואקְסְן גֶעזוּנְטֶע אוּן עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, אוּן מֶען זָאל זֶען פוּן זֵיי אַסַאךְ אִידִישׁ נַחַת.

יֶעדֶער וֵוייסְט אָבֶער אוֹיךְ אַז כְּדֵי צוּצוּקוּמֶען צוּ דֶעם צִיל, דַארְף מֶען אַסַאךְ אַרְבֶּעטְן פַאר דֶעם. חִינוּךְ אִיז אַ

שְׁוֶועֶרֶע אַרְבֶּעט, עֶס צָאלְט זִיךְ אָבֶּער אוֹיס מִיט גְרוֹיסֶע פְּרָאצֶענְטְן.

קְלוּגֶע עֶלְטֶערְן, וָואס זוּכְן נָאר דִי טוֹבָה פוּן זֵייעֶרֶע קִינְדֶער, זֶענֶען גְרֵייט צוּ אַרְבֶּעטְן שְׁוֶוער, זֵיי וִוילְן וִויסְן ווִי אַזוֹי זֵיי דַארְפְן זִיךְ אוֹיסְקוּמֶען מִיט דִי קִינְדֶער, וִוי אַזוֹי זֵיי דַארְפְן מְחַנֵךְ זַיין דִי קִינְדֶער, אַז זֵיי זָאלְן אָנְקוּמֶען צוּ דֶעם צִיל צוּ זֶען עֶרְלִיךְ אִידִישׁ נַחַת פוּן דִי קִינְדֶער.

דִי עֶלְטֶערְן צֶערְטְלֶען (סְפּוֹילְן) דִי קִינְדֶער אוּן גֶעבְּן זֵיי אַלֶע גוּטֶע זַאכְן וָואס זֵיי פַּארְלַאנְגֶען, אַזוֹי אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן זַיין אֶמֶת׳דִיג פְרֵיילִיךְ, אַז זֵיי זָאלְן אוֹיפְוַואקְסְן פְרֵיילִיכֶע גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער.

אוּן דָאס אִיז טַאקֶע זֵייעֶר רִיכְטִיג, מֶען דַארְף זִיךְ טַאקֶע אוּמְגֵיין מִיט קִינְדֶער מִיט אַסַאךְ גֶעדוּלְד אוּן פְרַיינְדְלִיכְקַייט, מֶען דַארְף זֵיי נָאר מַאכְן פְרֵיילִיךְ אוּן

צוּפְרִידְן, מֶען דַארְף זֶען אַז עֶס זָאל שְׁטֶענְדִיג זַיין אַ פְרֵיילִיכֶע, רוּאִיגֶע אוּן גֶעשְׁמַאקֶע אַטְמָאסְפֶער אִין שְׁטוּב, דָאס אִיז טַאקֶע זֵייעֶר גֶעזוּנְט אוּן וִויכְטִיג פַאר דִי קִינְדֶער.

דָאס אִיז אָבֶער נִישְׁט גֶענוּג. מִיט דֶעם אַלֵיין וֶועלְן דִי קִינְדֶער נָאכְנִישְׁט בַּאקוּמֶען דִי רִיכְטִיגֶע חִינוּךְ. דָאס אַלֵיין וֶועט נִישְׁט זַיין גֶענוּג צוּ בְּרֶענְגֶען דֶערְצוּ אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן אוֹיפְוַואקְסְן וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין אוּן מֶען זָאל זֶען פוּן זֵיי נָאר אִידִישׁ נַחַת.

## ב

קִינְדֶער וֶוערְן גֶעבּוֹירְן מִיט זֵייעֶר שְׁלֶעכְטֶע נַאטוּרְן. דִי נַאטוּר פוּן אַ קִינְד אִיז אַז עֶר מֵיינְט דִי וֶועלְט אִיז נָאר זַיינְס. אַלֶעס קוּמְט זִיךְ פַאר אִים, יֶעדֶער דַארְף זִיךְ צוּשְׁטֶעלְן צוּ אִים אוּן אִים רֶעסְפֶּעקְטִירְן, אַלֶעס וָואס

ער זעט באלאנגט נאר פאר אים, און מען דארף אים אלעס געבן ביים ערשטן מאל וואס ער פארלאנגט עס.

דאס קומט פון דעם וואס דאס קינד האט נאך א קליינע שכל. א מענטש מיט ווייניג שכל מיינט אז אלעס קומט זיך אים, און אז יעדער דארף אים ארויפקוקן און זיך בייגן פאר אים. ווען דאס קינד וועט אי"ה גרעסער ווערן, דאן וועט ער אנהויבן צו כאפן און פארשטיין אז עס איז בכלל נישט אזוי ווי ער האט געמיינט אמאל. איינמאל ער ווערט עלטער, וועט זיין שכל זיך מער אנטוויקלען, און דאן וועט ער איינזען אז קיינער קומט אן גארנישט, קיינער דארף אים גארנישט צושטעלן, קיינער קוקט ניטאמאל אויף זיין זייט, און מען ווייסט אפילו נישט אז ער עקזיסטירט.

ווי לאנג דאס קינד איז אבער נאך קליין קען ער דאס נישט פארשטיין, ער שפירט זיך ווי א גאנצער מיוחס,

און אָךְ און וַויי וֶועט זַיין וֶוען אֵיינֶער וֶועט נִישְׁט נָאכְגֶעבְּן זַיינֶע פַארְלַאנְגֶען, עֶר וֶועט בִּכְלַל נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין וִוי אַזוֹי דָאס קֶען זַיין אַז עֶר בֶּעט עֶפֶּעס און עֶר בַּאקוּמְט עֶס נִישְׁט, אָדֶער אַז מֶען הֵייסְט אִים טוּן זַאכְן וָואס עֶר וִויל נִישְׁט טוּן.

דָאס מֶערְסְטֶע קְלַאפְּט עֶס אוֹיס אִינְדֶערְהֵיים מִיט דִי עֶלְטֶערְן. דָאס קִינְד וִויל נָאר אַז דִי עֶלְטֶערְן זָאלְן עֶרְפִילְן אַלֶע זַיינֶע פַארְלַאנְגֶען, זֵיי זָאלְן נָאכְגֶעבְּן אַלֶע זַיינֶע קַאפְּרִיזְן, און אִים לָאזְן טוּן אַלֶעס וָואס עֶר וִויל. און אוֹיבּ דִי עֶלְטֶערְן שְׁטֶעלְן זִיךְ נִישְׁט צוּ דֶערְצוּ, דַאן וֶוערְט עֶר וִוילְד, עֶר וַוארְפְט זִיךְ אַרָאפּ אוֹיף דֶער עֶרְד, עֶר שְׁרַייט און פַארְפִירְט, עֶר שְׁלָאגְט און עֶר שְׁטוֹיסְט, און אַזוֹי וַוייטֶער וֶועט עֶר אוֹיסְנוּצְן אַלֶע זַיינֶע קֶעמְפְן־מֶעגְלִיכְקֵייטְן בִּיז עֶר וֶועט אוֹיסְפִירְן. דִי עֶלְטֶערְן וֶועלְן

נִישְׁט הָאבְּן קַיין אַנְדֶערֶע בְּרֵירָה, נָאר נָאכְצוּגֶעבְּן זַיינֶע פַארְלַאנְגֶען.

דִי עֶלְטֶערְן ווִילְן דָאךְ זַיין גוּט צוּם קִינְד, זֵיי הָאבְּן רַחֲמָנוּת אוֹיפְ׳ן קִינְד, זֵיי קֶענֶען נִישְׁט צוּקוּקְן ווִי דָאס קִינְד אִיז אִינְגַאנְצְן אַרוֹיס פוּן דִי כֵּלִים, אוּן זֵיי וֶועלְן טַאקֶע טוּן אַלֶעס וָואס זֵיי קֶענֶען צוּ צוּפְרִידְן שְׁטֶעלְן דָאס קִינְד, אַז עֶר זָאל אוֹיפְהֶערְן צוּ פַארְפִירְן אוּן עֶר זָאל שׁוֹין וֶוערְן פְרֵיילִיךְ.

דָאס אִיז אָבֶּער זֵייעֶר אַ פַאלְשֶׁע רַחֲמָנוּת גֶעפִיל. וֶוען מֶען קוּקְט אַבִּיסְל וַוייטֶער אוֹיף דָאס קִינְד׳ס לֶעבְּן, זֶעט מֶען אַז דֶער וֶועג אִיז אַ גֶעפֶערְלִיכֶע סַכָּנָה׳דִיגֶע וֶועג. אוֹיבּ גֶעבְּט מֶען אַלֶעס נָאךְ פַאר דִי קִינְדֶער, אִיז דָאס נִישְׁט קַיין רַחֲמָנוּת, נָאר אַ בַּארְבַּארִישֶׁע אַכְזָרִיוּת, פוּן וָואס עֶס וֶועלְן שְׁפֶּעטֶער גָאר אַסַאךְ לַיידְן סֵיי דִי קִינְדֶער אוּן סֵיי דִי עֶלְטֶערְן.

אַ קִינְד וָואס וַואקְסְט אוֹיף מִיט דֶעם גֶעפִיל אַז מֶען גֶעבְּט אִים אַלֶעס נָאךְ, עֶר הָאט נִישְׁט קַיין שׁוּם בַּאגְרֶענִיצוּנְגֶען וָואס עֶר מֶעג יָא בַּאקוּמֶען אוּן וָואס נִישְׁט, וָואס עֶר מֶעג יָא טוּן אוּן וָואס נִישְׁט, אוּן וואוּ עֶר מֶעג יָא גֵיין אוּן וואוּ נִישְׁט, אַזַא קִינְד וֶועט זִיךְ דַארְפְן סְפְּרַאוֶוען שְׁפֶּעטֶער מִיט גָאר גְרוֹיסֶע שְׁוֶועריקַייטְן אִין לֶעבְּן. וֶוען עֶס וֶועט אַרִיבֶּערְלוֹיפְן דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער יָארְן, עֶר וֶועט זִיךְ טְרֶעפְן אִין גְרֶעסֶערֶע שִׁיךְ, וֶועט עֶר נִישְׁט קֶענֶען פַארְנֶעמֶען צוּ זֶען וִוי אַזוֹי זַאכְן טוֹישְׁן זִיךְ. פְּלוּצְלִינְג הוֹיבְּט עֶר אָן צוּ זֶען אַז קֵיינֶער אִיז נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְט אִין אִים, קֵיינֶער וִויל אִים נָאכְגֶעבְּן זַיינֶע פַארְלַאנְגֶען. אוּן אַזוֹי וִוי עֶר הָאט קֵיינְמָאל נִישְׁט בַּאקוּמֶען דֶעם חִינוּךְ אַז מֶען קֶען נִישְׁט אַלֶעמָאל הָאבְּן אוּן בַּאקוּמֶען אַלֶעס וָואס מֶען גְלוּסְט, וֶועט עֶר דָאס נִישְׁט קֶענֶען אוֹיסְהַאלְטְן אוּן עֶס וֶועט אוֹיסְקְלַאפְּן אוֹיף אִים אוֹיף זֵייעֶר אַ שְׁוֶוערֶע וֶועג. עֶר אַלֵיין וֶועט לַיידְן

אַסַאךְ פוּן דֶעם, אוּן דִי עֶלְטֶערְן וֶועלְן אוֹיךְ גָאר שְׁוֶוער לַיידְן דֶערְפוּן.

מֶען קֶען נִישְׁט פַארְלַאנְגֶען פוּן קִינְדֶער וָואס זֶענֶען צְוֵויי, דְרֵיי אָדֶער פִיר יָאר אַלְט, אַז זֵיי זָאלְן פַארְשְׁטֵיין דָאס וָואס דִי עֶלְטֶערְן הָאבְּן פַארְשְׁטַאנֶען אִין לוֹיף פוּן צְוָואנְצִיג, דְרַייסִיג יָאר. אוּן דָאס דַארְפְן דִי עֶלְטֶערְן זִיךְ גוּט אַרַיינְנֶעמֶען אִין קָאפּ, זֵיי דַארְפְן וִויסְן וואוּ זֵיי שְׁטֵייעֶן אוּן וואוּ דִי קִינְדֶער שְׁטֵייעֶן, דִי עֶלְטֶערְן דַארְפְן גֶעדֶענְקֶען אַז זֵיי זֶענֶען פִיל עֶלְטֶער אוּן קְלוּגֶער פוּן דִי קִינְדֶער. אוּן אוֹיב דִי קִינְדֶער פִירְן זֵיי בַּיי דִי נָאז, יֶעדֶע זַאךְ וָואס דָאס קִינְד בֶּעט אוּן פַארְלַאנְגְט מוּזְן דִי עֶלְטֶערְן דָאס נָאכְגֶעבְּן, דַאן וַוייזְט זִיךְ אַרוֹיס אַז דִי עֶלְטֶערְן זֶענֶען טַאקֶע נִישְׁט צוּפִיל קְלוּגֶער פוּן דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער, דִי קִינְדֶער פַארְשְׁטֵייעֶן גָאר מֶער פוּן דִי עֶלְטֶערְן.

אַ גוּטֶער חִינוּךְ מֵיינְט אַז דִי קִינְדֶער כַאפְּן אוֹיף אַז נָאר דִי עֶלְטֶערְן זֶענֶען דִי וָואס מַאכְן דִי בַּאשְׁלוּסְן אִינְדֶערְהֵיים, נָאר דִי עֶלְטֶערְן זֶענֶען דִי וֶועלְכֶע מַאכְן אָפּ וִויפִיל אַזֵייגֶער מֶען גֵייט שְׁלָאפְן, וָואס מֶען מֶעג יָא אָדֶער נִישְׁט עֶסְן, וָואס מֶען מֶעג יָא אָדֶער נִישְׁט טוּן, אוּן וואוּ מֶען מֶעג יָא אָדֶער נִישְׁט גֵיין. אֲפִילוּ וֶוען דָאס קִינְד פַארְשְׁטֵייט נָאכְנִישְׁט פַארְוָואס דִי עֶלְטֶערְן הֵייסְן אִים דִי אַלֶע זַאכְן, דַארְף עֶר זִיךְ אָבֶּער אוֹיסְלֶערְנֶען אַז מֶען מוּז פָאלְגְן וָואס דִי עֶלְטֶערְן הֵייסְן, נִישְׁט קַיין חִילוּק צִי מֶען וִויל צִי מֶען וויל נִישְׁט, אוּן נִישְׁט קַיין חִילוּק צִי מֶען פַארְשְׁטֵייט פַארְוָואס צִי נִישְׁט.

אַ קִינְד מֶעג וֵויינֶען, עֶס גֶעשֶׁעט גָארְנִישְׁט וֶוען אַ קִינְד וֵויינְט, עֶס גֵייט דוּרְךְ אַ שְׁטִיק צַייט אוּן עֶר בַּארוּאִיגְט זִיךְ. דִי עֶלְטֶערְן טָארְן נִישְׁט וֶוערְן אִיבֶּערְגֶענוּמֶען פוּן דִי וֵויינֶערַייעֶן פוּן דִי קִינְדֶער, זֵיי

טָארְן בִּכְלַל נִישְׁט נִתְפָּעֵל וֶוערְן דֶערְפוּן, נָאר וַוייטֶער שְׁטֵיין אוֹיף זֵייעֶרע בַּאפֶעלְן אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן דָאס אוֹיסְפִירְן אוֹיף הוּנְדֶערְט פְּרָאצֶענְט. צוּם בַּיישְׁפִּיל וֶוען דָאס קִינְד פַארְלַאנְגְט עֶפֶּעס וָואס דִי עֶלְטֶערְן וֵוייסְן אַז דָאס אִיז נִישְׁט גוּט פַאר אִים, אָדֶער עֶר ווִיל נִישְׁט גֵיין אִין בֶּעט וֶוען מֶען הֵייסְט אִים גֵיין, דַארְפְן דִי עֶלְטֶערְן זִיךְ הַאלְטְן זֵייעֶר שְׁטַארְק מִיט זֵייעֶר בַּאפֶעל. אֲפִילוּ וֶוען דָאס קִינְד הוֹיבְּט אָן צוּ פַארְפִירְן אוּן וֵויינֶען מִיט בִּיטֶערֶע טְרֶערְן, טָארְן דִי עֶלְטֶערְן זִיךְ נִישְׁט דֶערְשְׁרֶעקְן דֶערְפוּן, נָאר וַוייטֶער הַאלְטְן זֵייעֶר שְׁטַארְקַייט אַז דָאס קִינְד מוּז פָאלְגְן וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעהֵייסְן.

אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז וֶוען דִי עֶלְטֶערְן זָאגְן פַאר׳ן קִינְד אַז עֶר זָאל עֶפֶּעס טוּן, אוּן זֵיי זָאגְן אִים צוּ אַז אוֹיבּ עֶר וֶועט אוֹיסְפִירְן זַיין אוֹיפְגַאבֶּע וֶועט עֶר בַּאקוּמֶען אַ גוּטֶע זַאךְ פַאר דֶעם, אוֹיבּ הָאט דָאס קִינְד נִישְׁט

אוֹיסְגֶעפָּאלְגְט וָואס מֶען הָאט אִים גֶעהֵייסְן, טָאר מֶען אִים בְּשׁוּם אוֹפָן נִישְׁט גֶעבְן דִי גוּטֶע זַאךְ. וִויפִיל עֶר זָאל נָאר וֵויינֶען אוּן פַארְפִירְן, טָאר מֶען אִים נִישְׁט נָאכְגֶעבְן. אוּן דַאן וֶועט דָאס קִינְד זִיךְ אוֹיסְלֶערְנֶען אַז עֶס אִיז דָא בַּאגְרֶענִיצוּנְגֶען אִין לֶעבְן, עֶס זֶענֶען דָא זַאכְן וָואס מֶען טָאר נִישְׁט טוּן, אוּן עֶס זֶענֶען דָא זַאכְן וָואס מֶען דַארְף טוּן, אוּן אוֹיבּ ווִיל מֶען בַּאקוּמֶען אַ גוּטֶע זַאךְ, דַארְף מֶען עֶפֶּעס טוּן פַאר דֶעם.

עֶס גֵייט טַאקֶע נִישְׁט אִין אֵיין מִינוּט, אוּן אוֹיךְ נִישְׁט אִין אֵיין טָאג. עֶס נֶעמְט אַסַאךְ צַייט בִּיז וֶוען אַ קִינְד לֶערְנְט זִיךְ דָאס אוֹיס. דָאס אִיז אָבֶּער דִי פְלִיכְט פוּן דִי עֶלְטֶערְן. אוֹיבּ ווִילְן זֵיי זֶען אִידִישׁ נַחַת פוּן דִי קִינְדֶער, אוֹיבּ ווִילְן זֵיי אַז זֵייעֶרֶע קִינְדֶער זָאלְן הָאבְּן אַ נָארְמַאל לֶעבְּן, אוּן זִיךְ קֶענֶען סְפְּרַאוֶוען מִיטְ'ן לֶעבְן וֶוען זֵיי וֶוערְן עֶלְטֶער אוּן הוֹיבְן זִיךְ אָן צוּ בַּאקֶענֶען מִיט דִי

װעלט, דאַרפֿן די עלטערן גוט אָנגרייטן די קינדער און זיי מחנך זיין אַז דאָס לעבן קומט מיט באַגרעניצונגען, מען קען נישט אייביג האָבן און טון אַלעס וואָס מען וויל.

חז״ל זאָגן (מדרש תנחומא, שמות) ״כָּל הַמּוֹנֵעַ בְּנוֹ מִמַּרְדּוּת, סוֹף יוֹצֵא לְתַרְבּוּת רָעָה וְשׂוֹנְאֵיהוּ״, עלטערן וואָס האַלטן זיך צוריק פון שטרענג מחנך זיין אַ קינד, וועט דאָס קינד צום סוף אַראָפּגיין פון גלייכן וועג, און ער וועט אים פיינט האָבן. מען קען נישט וואַרטן ביז ווען די קינדער ווערן עלטער, מען קען נישט זאָגן אַז די קינדער זענען נאָך צו יונג און עס איז נאָך דאָ גענוג צייט זיי מחנך צו זיין שפּעטער. ווייל ווען די קינדער ווערן עלטער, דעמאָלט איז שוין צו שפּעט. דעמאָלט קענען די עלטערן נאָר זיך רייסן די האָר פון קאָפּ אויף דעם וואָס זיי האָבן נישט געהאַט די ריכטיגע שכל אין

די ריכטיגע צייט צו מחנך זיין די קינדער יונגערהייט. אויב די קינדער זענען נישט געווען צוגעוואוינט יונגערהייט צו הערן די ווארט "ניין", דאן איז שוין זייער שווער אז זיי זאלן זיך דאס אויסלערנען אויף דער עלטער. דעמאלט וועלן זיי שוין נישט קענען פארנעמען צו שפירן אז עס זענען דא זאכן וואס זיי טארן נישט טון, עס זענען דא זאכן וואס זיי קענען נישט באקומען, און דאס וועט זייער שווער אויסקלאפן אויף זיי.

אסאך מאל קענען די עלטערן האבן א שולד-געפיל אז זיי בא'עוול'ן די קינדער מיט דעם וואס מען געבט זיי נישט נאך אלעס וואס זיי ווילן. מען קען זיך שפירן ווי א שטיקל אכזר אז מען וויל נישט נאכגעבן פאר די קינדער, און זיי לאזן טון וואס זיי ווילן. דער אמת איז אבער פונקט פארקערט. די גרעסטע אכזריות איז ווען

מֶען גֶעבְּט נָאךְ פַארְ'ן קִינְד אַ זַאךְ וָואס אִיז נִישְׁט גוּט פַאר אִים. אֲפִילוּ יֶעצְט אוֹיף דִי מִינוּט אִיז דָאס קִינְד זֵייעֶר בְּרוֹגֶז אַז עֶר הָאט נִישְׁט בַּאקוּמֶען וָואס עֶר הָאט פַארְלַאנְגְט. עֶר בְּלָאזְט, עֶר וֵויינְט, אוּן עֶר אִיז בַּאבְּלָאזְן אוֹיף דִי עֶלְטֶערְן. דָאס וֶועט אָבֶּער אַרִיבֶּערְגֵיין, אוּן דָאס קִינְד וֶועט בְּלַייבְּן מִיט דִי לֶעקְצִיֶע וָואס עֶר הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעלֶערְנְט, אוּן דָאס וֶועט אִים הֶעלְפְן אוּן בַּאגְלֵייטְן זַיין גַאנְץ לֶעבְּן.

## ג

עֶס אִיז וִויכְטִיג צוּ בַּאטָאנֶען אַז דָאס מֵיינְט נִישְׁט חַס וְשָׁלוֹם אַז מֶען מֶעג שְׁלָאגְן אָדֶער פַארְשֶׁעמֶען אוּן דֶערְנִידֶערְן דִי קִינְדֶער. דָאס שְׁלָאגְן אוּן פַארְשֶׁעמֶען דִי קִינְדֶער אִיז בְּלוֹיז אַ מִיטְל צוּ בַּארוּאִיגְן דִי נֶערְוֶוען פוּן דִי עֶלְטֶערְן, דָאס וֶועט גָארְנִישְׁט הֶעלְפְן פַארְ'ן קִינְד. פַארְקֶערְט, דָאס וֶועט אִיבֶּערְלָאזְן אוֹיף אִים צֵייכֶענֶעס

אויף זיין גאנץ לעבן, און דאס וועט אוועקנעמען זיין זעלבס-זיכערקייט.

עלטערן דארפן קענען גיין גענויט צווישן די טראפן. פון איין זייט זיך האלטן זייער שטארק צו זייערע באפעלן און באשלוסן און פארלאנגען פונעם קינד מיט'ן גאנצן שטארקייט אז ער מוז אויספאלגן זייערע באפעלן. אבער פון די אנדערע זייט מוז דאס אבער גיין מיט א רואיגקייט און ישוב הדעת, און נישט מיט כעס.

מען דארף אים שיינערהייט זאגן און מסביר זיין אז דאס טאר מען נישט טון, דאס קען ער נישט באקומען ווייל דאס איז נישט גוט פאר אים, מען טאר זיך נישט אויפפירן מיט שלעכטע מידות ווייל דאס איז נישט גוט און דער אייבערשטער לאזט דאס נישט טון. און מען דארף אים זאגן רואיג און געלאסן אבער מיט א שטארקע אנטשלאסנקייט: "קענסט שרייען, וויינען,

און פַארפִירְן ווִיפִיל דו ווִילְסְט, אָבֶער מִיר וֶועלְן דִיר דָאס נִישְׁט נָאכְגֶעבְּן בְּשׁוּם אוֹפָן. עֶס וֶועט דִיר גָארְנִישְׁט הֶעלְפְן״. און ווִיפִיל דָאס קִינְד זָאל נָאר פַארְפִירְן נָאכְדֶעם, זָאלְן דִי עֶלְטֶערְן נִישְׁט אַרוֹיסְגֵיין פוּן דִי כֵּלִים, נִישְׁט אַרַיינְגֵיין אִין אַ כַּעַס און אָנְהוֹיבְּן צוּ שְׁלָאגְן אָדֶער דֶערְנִידֶערְן דָאס קִינְד, נָאר ווִידֶערְאַמָאל זָאגְן מִיט אַנְטְשְׁלָאסְנְקַייט אַז דִי זַאךְ קֶען עֶר בְּשׁוּם אוֹפָן נִישְׁט בַּאקוּמֶען צוּלִיב דִי און דִי סִיבָּה.

עֶס אִיז זֵייעֶר גֶעזוּנְט פַאר אַ קִינְד צוּ הֶערְן פִיל מָאל דִי וָוארְט ״נֵיין״. דָאס לֶערְנְט זֵיי אוֹיס ווִי אַזוֹי צוּ קֶענֶען לֶעבְּן אוֹיף דֶער וֶועלְט ווִי אַן עֶרְלִיכֶער אִיד און ווִי אַן אָרְנְטְלִיכֶער מֶענְטְשׁ. און דִי עֶלְטֶערְן מוּזְן אַרְבֶּעטְן בֵּיידֶע אִינְאֵיינֶעם, אוֹיב דֶער טַאטֶע פַארְלַאנְגְט עֶפֶּעס פוּנֶעם קִינְד, קֶען עֶס דִי מַאמֶע נִישְׁט אַוֶועקְמַאכְן און נָאכְגֶעבְּן פַארְ'ן קִינְד. און דִי זֶעלְבֶּע אִיז פַארְקֶערְט וֶוען

דִי מַאמֶע עֶרְלוֹיבְּט נִישְׁט פַארְ׳ן קִינְד צוּ טוּן עֶפֶּעס, טָאר דֶער טַאטֶע אִים נִישְׁט נָאכְגֶעבְן. אַז דִי מַאמֶע זָאגְט נֵיין אִיז נֵיין. אוֹיף דִי מִינוּט אִיז עֶס נִישְׁט אַזוֹי בַּא׳טֲעַמְ׳ט פַארְ׳ן קִינְד, אָבֶער שְׁפֶּעטֶער וֶועט אִים דָאס זֵייעֶר גוּט צוּנִ׳ץ קוּמֶען.

ד

עֶס אִיז זֶעלְבְּס פַארְשְׁטֶענְדְלִיךְ אַז דָאס מְחַנֵךְ זַיין דִי קִינְדֶער מוּז גֵיין לוֹיט וִוי דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה לֶערְנְט אוּנְז, לוֹיט וִוי אוּנְזֶערֶע הֵיילִיגֶע חֲכָמִים אוּן צַדִיקִים לֶערְנֶען אוּנְז, מֶען קֶען נִישְׁט סְתַּם אַרוֹיפְצְוִוינְגֶען אוֹיף דִי קִינְדֶער נַארִישֶׁע קַאפְּרִיזְן, וַוייל דָאס קֶען אוֹיךְ זֵייעֶר נִישְׁט גוּט אוֹיסְקְלַאפְּן אוֹיף זֵיי.

דִי גְמָרָא זָאגְט (סוּכָּה מ״ב.) ״קָטָן הַיוֹדֵעַ לְנַעֲנֵעַ, חַיָיב בְּלוּלָב. קָטָן הַיוֹדֵעַ לְהִתְעַטֵף, חַיָיב בְּצִיצִית. קָטָן הַמַתְחִיל לְדַבֵּר, אָבִיו לוֹמְדוֹ תּוֹרָה וְיִרְאַת שָׁמַיִם, מְלַמְדוֹ

קְרִיאַת שְׁמַע״. וֶוען דִי קִינְדֶער זֶענֶען נָאךְ גָאר קְלֵיין דַארְף מֶען זֵיי שׁוֹין מְחַנֵךְ זַיין צוּ דִי וֶועגְן פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אַז זֵיי זָאלְן טוּן מִצְוֹת, לֶערְנֶען תּוֹרָה, אוּן אַרַיינְבַּאקְן אִין זֵיי דִי הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן מִדוֹת טוֹבוֹת.

וֶוען עֶס קוּמְט צוּ תּוֹרָה וּמִצְוֹת אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם, וֶוען עֶס הַאנְדְלְט זִיךְ פוּן גוּטֶע מִידוֹת, דַארְפְן דִי עֶלְטֶערְן דָאס פַארְלַאנְגֶען פוּן דִי קִינְדֶער מִיטְ'ן גַאנְצְן שְׁטַארְקַייט. מֶען זָאל אוֹיף גָארְנִישְׁט מְוַותֵּר זַיין. אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז וֶוען עֶס רֶעדְט זִיךְ פוּן סֵיי וֶועלְכֶע זַאךְ וָואס קֶען שֶׁעדִיגְן דָאס קִינְד בְּרוּחֲנִיוּת צִי בְּגַשְׁמִיוּת, דַארְפְּן דִי עֶלְטֶערְן זִיךְ הַאלְטְן זֵייעֶר שְׁטַארְק אוּן דָאס בְּשׁוּם אוֹפָן נִישְׁט נָאכְגֶעבְּן. וֶוען עֶס קוּמְט אָבֶּער צוּ סְתַּם זַאכְן, וֶוען דִי עֶלְטֶערְן ווִילְן פָּשׁוּט אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן זִיךְ אַהֶערְשְׁטֶעלְן אַז עֶס זָאל זַיין מֶער אַ כָּבוֹד פַאר דִי

עֶלְטֶערְן, אָדֶער סְתַּם נַארִישְׁקַייטְן וָואס שְׁמֶעקְן אָן פַּאר דִי עֶלְטֶערְן, דַארְפְן זִיךְ דִי עֶלְטֶערְן יָא אַיינְהַאלְטְן און דָאס נִישְׁט פַאְרלַאנְגֶען פון דִי קִינְדֶער.

אויב מֶען פַּארְלַאנְגְט פון אַ קִינְד עֶפֶּעס, אָדֶער מֶען הֵייסְט פַּאר אַ קִינְד צו טון אַ זַאךְ, מוז דָאס גֵיין בִּיזְ׳ן סוֹף. דִי עֶלְטֶערְן טָארְן זִיךְ נִישְׁט לָאזְן פון דִי קִינְדֶער זֵיי נָאכְצוּגֶעבְן. און דֶערִיבֶּער דַארְפְן דִי עֶלְטֶערְן אַכְטוּנְג גֶעבְן נִישְׁט צו פַּארְלַאנְגֶען פון דִי קִינְדֶער צוּפִיל זַאכְן אִיבֶּער דִי מָאס. זֵיי זָאלְן טַאקֶע הֵייסְן פַּאר דִי קִינְדֶער נָאר זַאכְן וָואס דִי קִינְדֶער דַארְפְן טַאקֶע צו טון, נָאר זַאכְן וָואס דִי תּוֹרָה פַּארְלַאנְגְט, און זַאכְן וָואס זֶענֶען פַּאר דִי טוֹבָה פון דִי קִינְדֶער. און דַאן וֶועלְן דִי עֶלְטֶערְן זִיךְ קֶענֶען הַאלְטְן שְׁטַארְק מִיט זֵייעֶר בַּאפֶעלְן.

וֶוען עֶס קוּמְט צו שְׁמִירַת שַׁבָּת דַארְפְן דִי עֶלְטֶערְן זִיךְ הַאלְטְן זֵייעֶר שְׁטַארְק און נִישְׁט לָאזְן דֶעם קִינְד

מְחַלֵל שַׁבָּת זַיין חַ״ו. מֶען דַארְף אָנְזָאגְן דֶעם קִינְד מִיט אַ שְׁטַארְקַייט אַז אַ מְחַלֵל שַׁבָּת וֶוערְט גֶע׳הַרְגְ׳ט רח״ל, עֶס וֶועט גָארְנִישְׁט הֶעלְפְן. ״מַיין טֵייעֶר קִינְד, אוֹיבּ וִויל מֶען לֶעבְּן דַארְף מֶען פָּאלְגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס בַּאפֶעל און נִישְׁט אָנְצִינְדֶען קַיין לֶעקְטֶער אוּם שַׁבָּת, אֲפִילוּ וֶוען עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי בַּא׳טַעַמְ׳ט״.

וֶוען דָאס קִינְד זֶעט אַ גוּטֶע עֶסְן און עֶס שְׁמֶעקְט אִים זֵייעֶר שְׁטַארְק דָאס צוּ הָאבְּן, דִי עֶלְטֶערְן וֵוייסְן אָבֶּער אַז דָאס אִיז נִישְׁט כָּשֵׁר, עֶס הָאט נִישְׁט קַיין גוּטֶע הֶכְשֵׁר. דַאן דַארְף דָאס קִינְד הֶערְן דִי וָוארְט ״נֵיין״ מִיט אַ שְׁטַארְקַייט. עֶס וֶועט אִים גָארְנִישְׁט הֶעלְפְן, אָבֶּער דָאס טָאר מֶען נִישְׁט עֶסְן. ״מַיין טֵייעֶר קִינְד, אוֹיבּ וִויל מֶען בְּלַייבְּן גֶעזוּנְט דַארְף מֶען פָּאלְגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס בַּאפֶעל און נִישְׁט עֶסְן קַיין נִישְׁט כָּשֵׁר׳עֶ זַאכְן, אֲפִילוּ וֶוען מֶען גְלוּסְט זֵייעֶר שְׁטַארְק דֶערְצוּ״.

ספּעציעל דאַרף מען אַריינלייגן אין די קינדער גאָר אַ שטאַרקע אמונה. מען דאַרף רעדן מיט די קינדער זייער אַסאַך פונעם אייבערשטן, מען דאַרף אַריינברענגען אין זיי די ריינע אמונה אַז נאָר דער אייבערשטער פירט יעדע זאַך אויף דער וועלט, גאָרנישט פּאַסירט פון זיך אַליין, קיינער קען נישט צוכאַפּן גאָרנישט פון אַ מענטש און קיינער קען גאָרנישט געבן פאַר אַ מענטש, נאָר אויב דער אייבערשטער וויל אַזוי. און אויב דאַרף מען עפּעס האָבן זאָל מען נאָר בעטן פונעם אייבערשטן.

קינדער וואָס לעבן מיט אמונה, באַקומען אַ שטאַרקע זעלבּס זיכערקייט. אַסאַך קינדער ווערן זייער צעקלאַפּט און צעבראָכן ווען זיי זעען אַז עס זענען דאָ אַנדערע וואָס זענען מער מצליח פון זיי. ווען זיי לעבן אָבער מיט אמונה, דאַן ווייסן זיי אַז יעדן איינעם איז

בַּאשֶׁערְט פּוּנְקְטְלִיךְ וִויפִיל עֶר זָאל קֶענֶען און וִויפִיל עֶר זָאל הָאבְּן, און זֵיי וֵוייסְן אויךְ אַז מִיט דִי הִילְף פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועלְן זֵיי אויךְ קֶענֶען מַצְלִיחַ זַיין, און זֵיי וֶועלְן טַאקֶע בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס זֵיי דַארְפְן און אַז זֵיי זָאלְן אויךְ קֶענֶען און מַצְלִיחַ זַיין אִין לֶעבְּן.

וִוי גְלִיקְלִיךְ זֶענֶען דִי עֶלְטֶערְן וָואס זֶענֶען מְחַנֵךְ זֵייעֶרֶע קִינְדֶער אויף אַן עֶרְלִיכְן און תּוֹרָה'דִיגֶע וֶועג, מִיט אַ וֶועג פוּן אֱמוּנָה און יִרְאַת שָׁמַיִם, מִיט אַ וֶועג פוּן מִידוֹת טוֹבוֹת. און זֵיי הַאלְטְן זִיךְ שְׁטַארְק מִיט זֵייעֶר חִינוּךְ און לָאזְן זִיךְ נִישְׁט פִירְן פוּן דִי קִינְדֶער, זֵיי הַאלְטְן אָן זֵייעֶר אַנְטְשְׁלָאסְנְקַייט פוּן אֵיין זַייט און זֵייעֶר רוּאִיגְקֵייט פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט. דִי עֶלְטֶערְן וֶועלְן זוֹכֶה זַיין צוּ זֶען פִיל אִידִישׁ נַחַת פוּן זֵייעֶרֶע קִינְדֶער, און דִי קִינְדֶער וֶועלְן זֵיי זֵייעֶר דַאנְקְבַּאר זַיין פַאר'ן זֵיי

אוֹיפְּצִיעֶן אוּן זֵיי וַוייזְן דֶעם רִיכְטִיגְן וֶועג ווִי אַזוֹי צוּ הָאבְּן אַ גוּט לֶעבְּן.

## ה

דֶער עִיקָר חִינוּךְ פוּן דִי קִינְדֶער וֶוענְדְט זִיךְ אִין דִי עֶלְטֶערְן אַלֵיין. ווִי אַזוֹי דִי עֶלְטֶערְן פִירְן זִיךְ אוֹיף, דִי זֶעלְבֶּע וֶועלְן זִיךְ אוֹיפְפִירְן דִי קִינְדֶער. מֶען קֶען נִישְׁט עֶרְוַוארְטְן אַז קִינְדֶער זָאלְן גָאר זַיין בֶּעסֶער פוּן זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן.

חַזַ"ל זָאגְן (סוּכָּה נ"ו) אַז וֶוען מֶען הֶערְט אַ קִינְד שְׁמוּעֶסְן אוֹיפְ'ן גַאס, זָאל מֶען ווִיסְן אַז דִי זַאכְן הָאט דָאס קִינְד גֶעהֶערְט אָדֶער פוּן זַיין טַאטֶע אָדֶער פוּן זַיין מַאמֶע. וֶוען מֶען זֶעט אַ קִינְד רֶעדְט נִישְׁט אֵיידְל, עֶר שְׁרַייט אוּן שֶׁעלְט אוּן רֶעדְט נִבּוּל פֶּה רח"ל; אִיז דָאס אַ סִימָן אַז דָאס קִינְד הָאט גֶעהֶערְט אִינְדֶערְהֵיים אַזוֹי רֶעדְן, אוּן דֶערִיבֶּער רֶעדְט דָאס קִינְד אוֹיךְ אַזוֹי. אוּן

ווען מען זעט אַ קינד וואָס רעדט איידל מיט דרך אֶרץ, ווען ער בעט עפּעס בעט ער דאָס מיט איידלקייט, ער אַנטשולדיגט זיך ווען ער טוט עפּעס נישט ריכטיג, ער באַדאַנקט זיך פאַר איינעם וואָס טוט אים אַ טובה; דאַן ווייזט זיך אַרויס אַז די סאָרט שפּראַך האָט ער זיך אויסגעלערנט בײַ זיינע עלטערן אין שטוב. אַלעס וואָס די עלטערן טוען, שפּיגלט זיך אָפּ אין די קינדער.

דעריבער אויב ווילן עלטערן זען אידיש נחת פון זייערע קינדער, זאָלן זיי קודם זען זיך אַליין מחנך צו זיין. זיי אַליין זאָלן זיך אויפפירן מיט דרך אֶרץ און איידלקייט. און דאַן וועט זיך דאָס אויטאָמאַטיש אויך אָפּשפּיגלען אין די קינדער.

ליידער זענען פאַראַן קינדער וועלכע גליטשן אַוועק פון אידישן וועג, און די עלטערן עסן זיך אויף דאָס געזונט און קענען דאָס נישט צוקוקן. דאָס עסט

זַיי אוֹיף לֶעבֶּעדִיגֶערְהֵייט אוּן זַיי קֶענֶען נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין וִוי אַזוֹי דָאס הָאט פַּאסִירְט צוּ דִי קִינְדֶער, אִין דִי צַייט וָואס זֵיי וֵוייסְן אַז זֵיי אַלֵיין הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְגֶעפִירְט אַזוֹי. אוֹיבּ דִי קִינְדֶער טוּעֶן נָאר נָאךְ דִי עֶלְטֶערְן, וִוי אַזוֹי קֶען דָאס זַיין אַז דִי קִינְדֶער הִיטְן לַיידֶער נִישְׁט קַיין תּוֹרָה אוּן מִצְוֹת, אִין דִי צַייט וָואס דִי עֶלְטֶערְן זֶענֶען יָא גֶעוָוארְנְט אִין דִי זַאכְן?

עֶס אִיז טַאקֶע פַּארְהַאן אוֹיךְ אַ "יוֹצֵא מִן הַכְּלַל", עֶס קֶען זִיךְ טַאקֶע מַאכְן אַז דִי קִינְדֶער הָאבְּן זִיךְ לַיידֶער אָנְגֶעטְרָאפְן מִיט שְׁלֶעכְטֶע חֲבֵרִים וֶועלְכֶע הָאבְּן זֵיי גֶעפִירְט אוֹיף קְרוּמֶע וֶועגְן, אוּן דֶערִיבֶּער הָאבְּן זֵיי אָפְּגֶעלָאזְט דִי גוּטֶע וֶועגְן פוּן זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן. נִישְׁט אֵייבִּיג אִיז אָבֶּער נָאר דָאס דִי סִיבָּה, אַמָאל קֶען לִיגְן אוּנְטֶער דֶעם אוֹיךְ דִי שׁוּלְד פוּן דִי עֶלְטֶערְן.

אֲפִילוּ וֶוען דִי עֶלְטֶערְן הִיטְן טַאקֶע שַׁבָּת, אָבֶער אוֹיף וָואסֶערֶע אוֹפָן הִיטְן זֵיי שַׁבָּת? וָואס זֶעעֶן דִי קִינְדֶער שַׁבָּת קוֹדֶש בַּיי זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן? צִי זֶעעֶן זֵיי וִוי דִי עֶלְטֶערְן פְרֵייעֶן זִיךְ אַז עֶס קוּמְט שׁוֹין דֶער הֵיילִיגֶער שַׁבָּת? צִי זֶעעֶן זֵיי אַז דֶער שַׁבָּת אִיז חָשׁוּב אוּן טֵייעֶר אִין דִי אוֹיגְן פוּן דִי עֶלְטֶערְן? אָדֶער זֶעעֶן זֵיי אַז דִי עֶלְטֶערְן הִיטְן דֶעם שַׁבָּת בְּלוֹיז וַוייל זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין אַנְדֶערֶע בְּרֵירָה אוּן זֵיי זוּכְן שׁוֹין קוֹים פָּטוּר צוּ וֶוערְן דֶערְפוּן?

דָא לִיגְט דֶער גְרוֹיסֶער חִילוּק. קִינְדֶער וֶועלְן גֶעוֶוענְלִיךְ נִישְׁט זַיין בֶּעסֶער פוּן זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן. אוֹיבּ עֶפֶּעס, וֶועלְן דִי קִינְדֶער נָאר אַרָאפְּגֵיין אַ טְרֶעפְּל נִידְרִיגֶער פוּן דִי עֶלְטֶערְן. אוֹיבּ דִי קִינְדֶער שְׁפִּירְן אַז דֶער שַׁבָּת אִיז הֵיילִיג אוּן טֵייעֶר בַּיי דִי עֶלְטֶערְן, אַז דִי עֶלְטֶערְן פְרֵייעֶן זִיךְ מִיטְ'ן שַׁבָּת אוּן רֶעכְטְן אָפּ אַ שַׁבָּת

מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה אוּן פְרֵייד; דַאן וֶועט דִי טֵייעֶרְקַייט פוּן שַׁבָּת בְּלַייבְּן אוֹיךְ אִין דִי הֶערְצֶער פוּן דִי קִינְדֶער, אוּן זֵיי וֶועלְן זִיךְ נִישְׁט דֶערְוַואגְן צוּ מְחַלֵּל זַיין דֶעם שַׁבָּת חַ״ו.

אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז בַּיי אַלֶע אַנְדֶערֶע מִצְוֹת. אַלֶעס וֶוענְדְט זִיךְ מִיט וָואסֶערֶע מוּט אוּן חֵשֶׁק דִי עֶלְטֶערְן זֶענֶען מְקַיֵּים דִי מִצְוֹת. צִי זֵיי זוּכְן זִיךְ נִישְׁט אַרוֹיסְצוּדְרֵייעֶן פוּן אַ מִצְוָה וֶוען עֶס אִיז אַבִּיסְל שְׁוֶוער, צִי זֵיי זֶענֶען נִישְׁט מְזַלְזֵל אִין אַן עֲבֵירָה אַז עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי גֶעפֶערְלִיךְ וֶוען עֶס קוּמְט זֵיי אוֹיס אַבִּיסְל גֶעשְׁמַאקֶער אַזוֹי. לוֹיט דֶעם וֶועט זִיךְ דָאס אַרִיבֶּערְכַאפְּן אוֹיךְ צוּ דִי קִינְדֶער.

וֶוען אַ קִינְד הֶערְט אוֹיף צוּ לֵייגְן תְּפִלִּין חַ״ו, אִיז אַ סִימָן אַז וַוארְשֵׁיינְלִיךְ הָאט עֶר גֶעזֶען בַּיי זַיין טַאטֶע אַז

די גאַנצע תּפלין לייגן איז געווען בײַ אים נאָר אַזאַ 'מהיכי תּיתי'דיגע' זאַך.

אַ קינד וואָס הויבט אָן עסן נבֿלות און טרפֿות רח"ל, האָט מסתּמא נישט געזען בײַ זײַנע עלטערן אַז זיי זאָלן מקפּיד זײַן צו קוקן פֿאַר זיי עסן אַ זאַך אויב עס האָט אַ גוטע הכשר, אויב די זאַל אָדער רעסטאָראַנט איז טאַקע אונטער אַ גוטע השגחה, און דאָס האָט אָפּגעקילט בײַ זיי די געפֿיל צו כּשרות.

פֿאַרוואָס זאָל אַ קינד נישט מכבד זײַן די עלטערן? ווײַל דאָס האָט ער געזען אינדערהיים אַז זײַן טאַטע און מאַמע לאַכן זיך אויס און האַלטן בכלל נישט חשוב זייערע עלטערן, און דעריבער מאַכן זיי אויך נאָך די זעלבע.

ווען אַ קינד זעט ווי זײַן טאַטע איז נאָר פֿאַרנומען מיט נאַרישקייטן און עפּנט קיינמאָל נישט אויף קיין

אִידִישׁ סֵפֶר אִינְדֶערְהֵיים, וִוי אַזוֹי קֶען מֶען פַארְלַאנְגֶען פוּן אַזַא קִינְד אַז עֶר זָאל נָאךְ הָאבְּן אַ חֵשֶׁק צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה? חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת י"ג:) "אַגְמִירוּ בְּנַיְיכוּ תּוֹרָה, כִּי הֵיכָא דְלִיגְרְסוּ בְּהוּ", אַ זוּן וָואס זֶעט וִוי זַיין טַאטֶע לֶערְנְט יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל תּוֹרָה, וֶועט עֶר אוֹיךְ בַּאקוּמֶען אַ חֵשֶׁק צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה. אַ טָאכְטֶער וָואס זֶעט וִוי אִיר מַאמֶע שֶׁעצְט אוּן קוּקְט אַרוֹיף אוֹיף דֶעם וָואס דֶער טַאטֶע לֶערְנְט תּוֹרָה, וֶועט דִי מֵיידְל אוֹיךְ דָאס שֶׁעצְן. אַזוֹי וִוי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת י"ז.) "נָשִׁים בְּמַאי זַכְיָין? בְּאַקְרוּיֵי בְּנַייהוּ לְבֵי כְּנִישְׁתָּא וְכוּ'", וֶוען דִי מֵיידְל זֶעט אַז לֶערְנֶען תּוֹרָה אִיז חָשׁוּב אִין דִי אוֹיגְן פוּן אִיר מַאמֶע, זִי וַוארְט אָפּ דֶעם מַאן וֶוען עֶר קוּמְט אַהֵיים פוּן לֶערְנֶען, זִי טְרָאגְט דִי אִינְגְלֶעךְ צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה אִין חֵדֶר, דַאן בַּאקוּמְט דִי מֵיידְל אוֹיךְ דִי גֶעפִיל אַז לֶערְנֶען תּוֹרָה אִיז זֵייעֶר אַ חָשׁוּב'עֶ אוּן טֵייעֶרֶע זַאךְ, אוּן זִי וֶועט דָאס אוֹיךְ אַרוֹיפְקוּקְן.

חֲזַ"ל זָאגְן (עַיִן יְרוּשַׁלְמִי עֵירוּבִין פ"ז ה"ט) אַז אִידְן פְלֶעגְן שִׁיקְן דֶעם עֵירוּב מִיט זֵייעֶרֶע קִינְדֶער, כְּדֵי דִי קִינְדֶער זָאלְן זִיךְ אוֹיסְלֶערְנֶען צוּ טוּן מִצְוֹת. דָאס אִיז אֲפִילוּ בַּיי מִצְוַת עֵירוּב וָואס אִיז נָאר אַ דְרַבָּנָן. אַלֶעס מִיטְ'ן צִיל אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן מִיטְלֶעבְן מִיט יֶעדֶע מִצְוָה, זֵיי זָאלְן מִיטְהַאלְטְן יֶעדֶע מִצְוָה, און אַזוֹי וֶועלְן זֵיי אוֹיךְ בַּאקוּמֶען אַ גֶעפִיל צוּ מְקַיֵים זַיין דִי אַלֶע מִצְוֹת.

מִיר הָאבְן אוֹיסְגֶערֶעכְנְט עֶטְלִיכֶע בַּיישְׁפִּילְן, אָבֶער דִי זֶעלְבֶּע אִיז בַּיי אַלֶע זַאכְן. סֵיי בַּיי דִי מִצְוֹת וָואס מֶען דַארְף טוּן, סֵיי בַּיי דִי עֲבֵירוֹת וָואס מֶען דַארְף זִיךְ צוּרִיקְהַאלְטְן נִישְׁט צוּ טוּן, און סֵיי בֵּיי דִי גוּטֶע מִדוֹת וִוי אַזוֹי מֶען דַארְף זִיךְ פִירְן. אוֹיב דִי קִינְדֶער שְׁפִּירְן אַז דִי עֶלְטֶערְן וִוילְן זַיין וואוֹיל און עֶרְלִיךְ, זֵיי פְּרוּבִירְן צוּ טוּן וָואס מֶען דַארְף און וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַארְלַאנְגְט, זֵיי פְרֵייעֶן זִיךְ צוּ טוּן נָאר דִי וִוילְן פוּן

בַּאשֶׁעפֶער, און זֵיי מַאכְן נִישְׁט אַוֶועק קַיין שׁוּם עֶרְלִיכֶע און גוּטֶע זַאךְ; דַאן קֶען מֶען הָאפְן אַז מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס הִילְף וֶועט דָאס אַרִיבֶּערְגֵיין אוֹיךְ צוּ דִי קִינְדֶער, אַז זֵיי וֶועלְן זִיךְ אוֹיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען און פְּרוּבִּירְן צוּ גֵיין נָאר אִין דִי גוּטֶע וֶועגְן, און דַאן וֶועלְן דִי עֶלְטֶערְן זֶען פוּן זֵיי אַסַאךְ אִידִישׁ נַחַת.

## ו

דֶער עִיקָר פוּן וֶועמֶען דִי קִינְדֶער לֶערְנֶען זִיךְ אִיז טַאקֶע פוּן דִי טַאטֶע און מַאמֶע אִינְדֶערְהֵיים, אָבֶּער פַּאקְטִישׁ פַּארְבְּרֶענְגֶען דִי קִינְדֶער אוֹיךְ אַ גְרוֹיס טֵייל פוּן זֵייעֶר לֶעבְּן צְוִוישְׁן דִי וֶוענְט פוּן דִי תַּלְמוּד תּוֹרָה אָדֶער מֵיידְל שׁוּלֶע, און דָאס אִיז אוֹיךְ שְׁטַארְק מַשְׁפִּיעַ אוֹיף זֵיי צוּם גוּטְן אָדֶער פַּארְקֶערְט.

דֶערִיבֶּער דַארְפְן דִי עֶלְטֶערְן זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן וואוּ זֵיי שִׁיקְן דִי קִינְדֶער לֶערְנֶען. צוּ זֶען צוּ שִׁיקְן דִי

קִינְדֶער נָאר אִין אַזַא מוֹסָד וואוּ מֶען לֶעבְּט דָארְט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וואוּ מֶען לֵייגְט אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער אַ לִיבְּשַׁאפְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן צוּ זַיין תּוֹרָה, אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן זִיךְ דָארְט אָנְזַאפְּן נָאר מִיט אַ גֶעשְׁמַאק צוּ אִידִישְׁקַייט, אוּן נִישְׁט חַ"ו פַּארְקֶערְט אַז דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה זָאל זֵיי זַיין נָאר וִוי אַ שְׁוֶוערֶע לַאסְט.

חֲזַ"ל זָאגְן (יַלְקוּט מִשְׁלֵי תתק"נ) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (מִשְׁלֵי י"ג, כ"ד) "חוֹשֵׂךְ שִׁבְטוֹ שׂוֹנֵא בְּנוֹ", פְרֶעגְן דִי חֲזַ"ל: "אִיז דֶען פַּארְהַאן אַ טַאטֶע וָואס הָאט פַּיינְט זַיין זוּן? נָאר אוֹיב דֶער טַאטֶע לֶערְנְט נִישְׁט אוֹיס דֶעם קִינְד צוּ זַיין וואוֹיל אוּן עֶרְלִיךְ, עֶר זָאל הִיטְן דִי תּוֹרָה אוּן זִיךְ פִירְן מִיט גוּטֶע מִדּוֹת אוּן דֶרֶךְ אֶרֶץ, דַאן וֶועט דֶער טַאטֶע צוּם סוֹף פַּיינְט הָאבְּן דֶעם זוּן. אוֹיבּ אָבֶּער וֶועט דֶער טַאטֶע מְחַנֵךְ זַיין דֶעם זוּן וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, דַאן וֶועט עֶר אִים זֵייעֶר לִיבּ הָאבְּן".

עֶלְטֶערְן קֶענֶען נִישְׁט עֶרְוַוארְטְן אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן אוֹיפְוַואקְסְן גוּט אוּן וואוֹיל פוּן זִיךְ אַלֵיין, אַזוֹי וִוי דִי ווִילְדֶע שְׁוָואמֶען וַואקְסְן אַלֵיין אִין וַואלְד אָן קַיין אוֹיפְזִיכְט. אוֹיב ווִיל מֶען זֶען אִידִישׁ נַחַת פוּן דִי קִינְדֶער, דַארְף מֶען אַסַאךְ אִינְוֶועסְטִירְן אִין זֵיי, זִיךְ אָפְּגֶעבְּן מִיט זֵיי אוּן זֵיי מְחַנֵךְ זַיין אוֹיפְ׳ן רִיכְטִיגְן וֶועג, זֵיי אוֹיסְלֶערְנֶען וָואס עֶס אִיז גוּט אוּן וָואס עֶס אִיז שְׁלֶעכְט, וָואס מֶען דַארְף טוּן אוּן וָואס מֶען טָאר נִישְׁט טוּן.

אַ קִינְד דַארְף קְלָאר ווִיסְן אַז עֶס זֶענֶען פַארְהַאן בַּאגְרֶענִיצוּנְגֶען אִין לֶעבְּן, אַז עֶס זֶענֶען דָא זַאכְן וָואס זֵיי זֶענֶען בְּשׁוּם אוֹפָן נִישְׁט עֶרְלוֹיבְּט צוּ טוּן. קִינְדֶער דַארְפְן זֶען אַ בַּיישְׁפִּיל אִין דִי עֶלְטֶערְן וָואס עֶס מֵיינְט צוּ זַיין גוּט אוּן וואוֹיל, וָואס עֶס מֵיינְט אַז מֶען ווִיל נָאר בֶּאֱמֶת זַיין וואוֹיל, אוּן מֶען אִיז זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ מִיט

יֶעדֶע מִצְוָה וָואס מֶען אִיז זוֹכֶה מְקַיֵים צוּ זַיין. עֶלְטֶערְן דַארְפְן זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן וואוּ זֵייעֶרֶע קִינְדֶער דְרֵייעֶן זִיךְ, אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן נָאר גֵיין אִין עֶרְלִיכֶע מוֹסְדוֹת וואוּ מֶען לֵייגְט אַרַיין אַ גֶעשְׁמַאק אִין דִי תּוֹרָה אוּן מִצְוֹת, וואוּ מֶען לֶעבְּט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוּן אִיבֶּער אַלֶעם דַארְפְן דִי עֶלְטֶערְן אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז זֵיי זָאלְן הָאבְּן דִי רִיכְטִיגֶע שֵׂכֶל צוּ וִויסְן וִוי אַזוֹי מְחַנֵךְ צוּ זַיין דִי קִינְדֶער אוֹיפְ'ן רִיכְטִיגְן וֶועג. צוּ קֶענֶען גֵיין צְוִוישְׁן דִי טְרָאפְּן, צוּ וִויסְן וִויפִיל לִיבְּשַׁאפְט צוּ גֶעבְּן פַאר דִי קִינְדֶער, אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט וֶוען מֶען דַארְף זַיין שְׁטְרֶענְג אוּן נִישְׁט נָאכְגֶעבְּן דִי קִינְדֶער וֶוען זֵיי ווילְן טוּן זַאכְן וָואס אִיז נִישְׁט גוּט פַאר זֵיי. אוּן אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן טַאקֶע מַצְלִיחַ זַיין אִין זֵייעֶר לֶעבְּן אוּן מֶען זָאל זֶען פוּן זֵיי אַסַאךְ אִידִישׁ נַחַת.

דִי עֶלְטֶערְן וָואס וֶועלְן אַרַיינְנֶעמֶען דִי אֱמֶת׳עֶ וֶוערְטֶער אִין זֵייעֶר הַארְץ, אוּן זֵיי וֶועלְן דָאס פְּרוּבִּירְן מְקַיֵים צוּ זַיין, וֶועלְן זִיכֶער זֶען פִּיל אִידִישׁ נַחַת פוּן זֵייעֶרֶע קִינְדֶער אוֹיף דִי וֶועלְט, אוּן נָאךְ פִּיל מֶער נַחַת וֶועלְן זֵיי שֶׁעפְּן פוּן דִי קִינְדֶער אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

**תַּם וְנִשְׁלַם שֶׁבַח לָאֵל בּוֹרֵא עוֹלָם**

# הספר
# הקדוש הזה

נדפס לטובת נשמת בעל מחבר
של הספר הזה מאור עינינו,
חיות נפשינו, עטרת ראשינו, כבוד
קדושת מרן הגה"ק רבי

## אליעזר שלמה

בן רבי

## מנחם זאב

זצוקללה"ה
נלב"ע י"ד שבט תשע"ה

**ת.נ.צ.ב.ה.**

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**שרה רבקה בת יחנא תחי׳**
**וכל משפחתה שיחי׳**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות
לבו לטובה, ויתברכו מפי אל עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא, אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לע"נ

**משה לייב בן שלמה ע״ה**

**יחנא בת שמואל אשר אנטשל ע״ה**

**ת.נ.צ.ב.ה**